בעזרת השם יתברך

# גליון סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## פאר'ן שבת טיש

פרשת כי תצא

ט' אלול שנת תש"פ לפ"ק

שנה 1, גליון 13

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג', דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין קוּרְצְן פוּן פְּרִיעֶר. **דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וִוי דֶער חִגֵּר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ דֵיימַאנְט וָואס אִיז גֶעוֶוען פִיר עֶקֶעכִיג אוּן יֶעדֶע זַייט הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ אַן אַנְדֶערֶער סְגוּלָה; אוֹיף אֵיין זַייט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גֶעשְׁרִיבְּן 'וֶוער עֶס וֶועט אָנְכַאפְּן בַּיי דֶער זַייט וֶועט אִים עֶס טְרָאגְן אַהִין וואו טָאג אוּן נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם', דָאס מֵיינְט דָארְט אַהִין וואו דֶער זִין אוּן דִי לְבָנָה קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם. הָאט דֶער חִגֵּר עֶס אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי דֶעם זַייט אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין.**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: 'טָאג' וַוייזְט וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אוּן 'נַאכְט' וַוייזְט וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אוּן לֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיט דֶעם מַחְשָׁבָה: 'עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע מִקְרֶה מַזָל, אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן הָאט עֶר אַ גוּט לֶעבְּן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריִקְייטְן, עֶר לַיידְט צָרוֹת וְיִסּוּרִים לֹא עָלֵינוּ דָאךְ אִיז אִים 'טָאג', עֶס אִיז אִים לִיכְטִיג אוּן רוּאִיג; אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מֵיינְט אַז זַאכְן פַּאסִירְן 'סְתָּם אַזוֹי', אַלֶעס אִיז 'טֶבַע מִקְרֶה מַזָל' - דַאן אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, שְׁטֶענְדִיג אִיז אִים 'נַאכְט', עֶס אִיז אִים בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער.

דָאס בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אוּנְז, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח', אוֹת ח): "וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ 'שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת'", מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶתְ'ן צַדִּיק וָואס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען צוּ הָאבְן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, "כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה", וַוייל אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶתְ'ן צַדִּיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; דֶערְפַאר וֶוען דֶער חִגֵּר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם דֵיימַאנְט - וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִּיק וָואס שַׁיינְט אַרַיין דִי 'אֱמוּנָה' מֶען זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קַיין חִילוּק צְוִוישְׁן 'טָאג' - וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, אוּן 'נַאכְט' - וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶס אִיז אִים גֶעוָוארְן זִיס אוּן לִיכְטִיג שְׁטֶענְדִיג.

אוּן דָאס גֵייט מָשִׁיחַ אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּ אִים, דֶערִיבֶּער וֶועט דֶעמָאלְט מֶער נִישְׁט זַיין דֶעם בַּאגְרִיף פוּן 'נַאכְט' עֶס וֶועט שְׁטֶענְדִיג זַיין 'טָאג', וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (זְכַרְיָה יד, ז): "וְהָיָה לְעֵת עֶרֶב יִהְיֶה אוֹר", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין 'טָאג אוּן נַאכְט' נָאר עֶס וֶועט שְׁטֶענְדִיג זַיין טָאג, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אִים שְׁטֶענְדִיג 'טָאג', זִיס אוּן לִיכְטִיג.

**דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער וִוי עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי זוּן מִיט דִי לְבָנָה שְׁמוּעֶסְן, דִי זוּן בַּאקְלָאגְט זִיךְ אַז עֶס דָא אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע בּוֹים וָואס הָאט אִין זִיךְ אַלֶע סְגוּלוֹת, אוּן מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט אָנְטְרִינְקְן דֶעם בּוֹים, אוּן נִישְׁט נָאר אִיךְ טְרִינְק אִים נִישְׁט אָן נָאר אִיךְ טוּ דָאס פַארְקֶערְטֶע אִיךְ שֵׁיין אוֹיף אִים**

<<<

## אַ וָוארְט פַארְן שַׁבָּת טִישׁ

גְלֵייבּ מִיר, עֶס

כִּי־יִנָּצ֨וּ אֲנָשִׁ֜ים יַחְדָּ֗ו (דברים כה, יא) אִיז נִישְׁט דָא וֶועם צוּ מְקַנֵּא צוּ זַיין, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, אֲפִילוּ מֶען זֶעט עֶס נִישְׁט פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אַ נַאר קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן אַ טִיפֵּשׁ מֵיינְט אַלֶעמָאל אַז יֶענֶער וֶועט אִים עֶפֶּעס אַוֶועק נֶעמֶען. אַ קְלֵיין קִינְד קְרִיגְט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן וַוייל עֶר מֵיינְט אַז דֶער אַנְדֶערֶער נֶעמְט עֶפֶּעס אַוֶועק פוּן אִים; הָאסְט שׁוֹין גֶעזֶען אַמָאל וִוי אַזוֹי אַ קוּ טְרִינְקְט וַואסֶער פוּן אַ טַייךְ? עֶס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען, וֶוען אַ קוּ טְרִינְקְט וַואסֶער שְׁפִּיגְלְט זִיךְ אָפּ זַיין פָּנִים אִינֶעם וַואסֶער, אוּן דֶער קוּ מֵיינְט אַז אֵיינֶער וִויל אִים אוֹיסְטְרִינְקֶען דִי וַואסֶער, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ קָאפֶּעןֶ אוּן שְׁטוֹיסְן, אָבֶּער וָואס גֶעשֶׁעהְט? דָאס וַואסֶער וֶוערְט שְׁמוּצִיג פוּן דֶעם וָואס עֶר שְׁטוֹיסְט, אוּן אַזוֹי זֶעט עֶר זִיךְ מֶער נִישְׁט אִינֶעם שְׁפִּיגֶל, מִמֵּילָא וֶוערְט עֶר רוּאִיג, אָבֶּער עֶר טְרִינְקְט שְׁמוּצִיגֶע אוּן שְׁלֶעכְטֶע וַואסֶער.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ; עֶר מֵיינְט אַז אַ צְוֵוייטֶער וִויל אִים אוֹיסְטְרִינְקֶען זַיין לֶעבְּן, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ קָאפֶּעןֶ אוּן שְׁטוֹיסְן, אָבֶּער עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז וֶוען מֶען שְׁטוֹיסְט, שְׁטוֹיסְט מֶען זִיךְ אַלֵיין, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט אוֹיסְטְרִינְקֶען זַיין לֶעבְּן וְכוּ', אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּנֶעמֶען וָואס אִיז אִים בַּאשֶׁערְט. פַארְקֶערְט, אַ מֶענְטְשׁ מִיט אֱמוּנָה אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר פַארְגִינְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז אִים לִיכְטִיג, בַּיי אִים אִיז יֶעדְן טָאג אַ שֵׁיינֶע לֶעכְטִיגֶע טָאג, אֲפִילוּ עֶס אִיז פַארְוָואלְקֶענְט אִינְדְרוֹיסְן, אוּן עֶס רֶעגְנְט אוּן עֶס גִיסְט, בַּיי אִים שַׁיינְט דִי זוּן יֶעדְן טָאג. עֶר זִינְגְט צוּ זִיךְ אֱמוּנָה, עֶר זִינְגְט (מִיכָה ז, ח): "כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי", אַז אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן שְׁטֶעל אִיךְ מִיךְ אוֹיף, "כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ", אַז אִיךְ זִיץ אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ - "ה' אוֹר לִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין לִיכְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט לִיכְטִיג פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס אִיז מִיר עֶק וֶועלְט, פַארְלִיר אִיךְ מִיךְ נִישְׁט, וַוייל - "ה' אוֹר לִי".

דֶערְפַאר, שְׁטַארְק דִיךְ אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִילִים יֶעדְן טָאג אוֹיף אַ סֵדֶר; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דֶעם סֵפֶר תְּהִילִים - אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זָאגְן אַסַאךְ, גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב" - "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט"; זָאג אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ אִים, אוּן טַעֲנְה'ט זִיךְ מִיט אִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא תשע"ז)

**און עס ווערט פאַרטריקנט. האָט זיך די לְבָנָה אָנגערופן צו דער זון: דו זאָרגסט אַ פרעמדע זאָרג, איך וועל דיר דערציילן מיין זאָרג, די שֵׁדִים נעמען צו די כּח פון מיינע פיס. האָט זיך די זון אָנגערופן: איך וועל דיר זאָגן אַ רְפוּאָה, עס איז דאָ אַ וועג וואָס פון דעם וועג קומען אַרויס נאָך וועגן, דאָרט איז דאָ אַסאַך פון די שטויב וואָס היילט די פיס, גיי אַהין וועסטו האָבן אַ רְפוּאָה.**

הערנדיג די ווערטער האָט דער חִגֵּר געטראַכט צו זיך: 'דאָס האָב איך געדאַרפט הערן, איך האָב אויך נישט קיין כֹּחַ אין מיינע פיס, איך קען נישט גיין און איך האַלט אין איין פאַלן, לאָמיר פּרובירן זיין עֵצָה'.

זאָגט דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: מיר אַלע הינקען אונטער אין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מיר האָבן נישט קיין כֹּחַ אין די פיס; יעדער מענטש וויל דינען דעם אייבערשטן, יעדער וויל זיין אַן ערליכער איד, נאָר דער יֵצֶר הָרָע קומט מיט כֹּחַ און וואַרפט אַראָפּ דעם מענטש אין שלעכטע זאַכן, ביז דער מענטש מאַכט אָפּ 'איך קען מער נישט' און הערט אויף וועלן זיין ערליך, אָבער אַז דער אייבערשטער העלפט און מען טרעפט דער דיימאַנט - דעם רבי'נס סְפָרִים און עֵצוֹת וואָס שטאַרקן דעם מענטש נישט אָפּצולאָזן דעם ווילן פון זיין אַן ערליכער איד, שפּירט דער מענטש דאָס וואָס דער חִגֵּר האָט געשפּירט: 'דאָס האָב איך געדאַרפט הערן, איך האָב אויך נישט קיין כֹּחַ אין מיינע פיס, איך קען נישט גיין און איך האַלט אין איין פאַלן, לאָמיר פּרובירן זיין עֵצָה'.

דערציילט דער הייליגער רבי ווייטער:

**דער נאָך האָט ער זיך מְיַישֵּׁב געווען** (דְהַיְינוּ דער וואָס האָט פריער קיין כֹּחַ נִיט גיהאַט אויף די פיס) **ער וועט גיין צו די צוויי טוירזינט בערג** (הַנַּ"ל) **ער זאָל זעהן וואָס דאָרט טוט זיך. האָט ער זיך גישטעלט פון ווייטין פון די צוויי טויזינט בערג. האָט ער גיזעהן אַז סע דאָרטין דאָ כַּמָּה וְכַמָּה אַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת מִשְׁפָּחוֹת פון שֵׁדִים. וואָרין זיי זענען פָּרִים וְרָבִים און האָבין קינדער אַזוי ווי מענשן. און זיי זענען זייער פיל. און ער האָט גיזעהן זייער מַלְכוּת איז גיזעסין אויף אַ שטול וואָס קיין שׁוּם יְלוּד אִשָּׁה** (כְּלוֹמַר קיין שׁוּם מענטש) **זיצט ניט אויף אַזוי אַ שטול. און האָט גיזעהן ווי זיי מאַכין לֵיצָנוּת. דער דערציילט. אַז ער האָט ביי דעם אַ קִינד מַזִּיק גיוועזן. און דער דערציילט. ווי ער האָט דעם אַ האַנט מַזִּיק גיוועזן. און דער דערציילט. ווי ער האָט אַ פוס מַזִּיק גיוועזן. און אַזוי אַנדערע לֵיצָנוּת.**

דאָ זאָגט אונז דער רבי אויס דעם סִימָן וואו מען קען דערקענען אויף אַ פּלאַץ צי דאָס איז אַ גוטע פּלאַץ אָדער דאָס איז דער פּלאַץ פון די שֵׁדִים: קוק וואָס זייער שִׂמְחָה איז; אויב באַשטייט די גאַנצע פּלאַץ פון 'חֶסֶד' - וואו מען קען העלפן אַ צווייטן, 'טיילן עסן פאַר אַ צווייטן', 'אַריין נעמען יענעמ'ס קינד צו זיך אַהיים ווען עס פעלט אויס', 'געבן אַ היטש (טרעמפּ) פאַר אַ צווייטן' וְכַדּוֹמֶה - דאַן קענסטו זיין רואיג דאָס איז אַ גוטע פּלאַץ; אָבער אויב באַשטייט די גאַנצע פּלאַץ וואו מען קען מאַכן אַ שפּיצל פאַר אַ צווייטן, יעדער איז פאַרנומען צו דערציילן: "איך האָב געמאַכט אַ שפּיצל פאַר דעם..." "איך האָב געמאַכט אַ שפּיצל פאַר יענעם..." - דאַן אַנטלויף פון דאָרט, דאָס איז דער פּלאַץ פון די שֵׁדִים; זיי קוקן אויס ווי מענטשן אָבער זיי פירן זיך אויף אַזוי ווי שֵׁדִים.

דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א איז אַריין אין אַ לענגערע שמועס דערפון: מיר גייען יעצט אַריין אין 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל', מיר פאָרן שוין אָט אָט צום הייליגן רבי'ן קיין אומאַן; אַ מענטש ווייסט ביי זיך: 'איך דאַווען נישט קיין שַׁחֲרִית', 'איך דאַווען נישט קיין מִנְחָה', 'איך דאַווען נישט קיין מַעֲרִיב' - צוליב דעם פאָרט מען צום רבי'ן, דער רבי וועט דיך פאַררעכטן. אֲפִילוּ איינער וואָס איז נעבעך אַראָפּ געפאַלן ער האָט זיך געקויפט אַ טעלעפאָן, אַ טעבלעט וְכַדּוֹמֶה, און קוקט עֲבֵירוֹת, און דאָס ברענגט נאָכדעם צו אַז ער פאַלט נעבעך אַראָפּ אין די עקלדיגע עֲבֵירָה פון פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָדער ער גייט צו עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן - האָט דער רבי צוגעזאָגט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) ווער עס וועט קומען צו זיין ציון און זאָגן דעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - די צען קאַפּיטלעך תְּהִלִּים, ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ - און געבן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פאַר זיין זְכוּת, אֲפִילוּ ער האָט געטון די האַרבסטע עֲבֵירוֹת "וועל איך מיר לייגן אויף די לענג און אויף די ברייט אים אַ טוֹבָה צו טון; ביי די פֵּיאוֹת וועל איך אים אַרויס נעמען פון שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

פלעגט אָבער מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַלץ צולייגן צו דעם: דער 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי' העלפט טאַקע אויף די האַרבסטע עֲבֵירוֹת 'שֶׁבֵּין אָדָם לַמָּקוֹם', וואָס אַ מענטש זאָל נאָר זיך האָבן פאַרזינדיגט פאַר'ן אייבערשטן וועט אים דער רבי פאַרריכטן, אָבער אויף עֲבֵירוֹת 'שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ' - דו מאַכסט לֵיצָנוּת פון אַ צווייטן, דו טשעפּעסט אַ צווייטן, דו פאַרשעמסט אַ צווייטן - אויף דעם העלפט נישט דעם 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי', אויף דעם דאַרפסטו גיין איבערבעטן יענעם. ווי עס שטייט אין די מִשְׁנָה (יוֹמָא פה:): "עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַמָּקוֹם יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר, עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ", יוֹם כִּפּוּר פאַרצייט נישט אויף עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ.

און דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זאָגט ווייטער: אֲפִילוּ אַז דו וועסט זיין ראֹש הַשָּׁנָה ביים רבי'ן וואָס רבי נָתָן שרייבט וואָס דער רבי האָט אים געזאָגט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז): "אָמַר, שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן", אֲפִילוּ מענטשן וואָס דער רבי קען אַ גאַנץ יאָר נישט העלפן, אָבער ראֹש הַשָּׁנָה קען ער יעדן איינעם פאַרריכטן, [דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א האָט באַמערקט: דאָס וואָס רבי נָתָן שרייבט אַז עס זענען דאָ מענטשן וואָס דער רבי קען נישט העלפן אַ גאַנץ יאָר, איז אַ חִידוּשׁ, ווייל דער רבי האָט דאָך געזאָגט: אֲפִילוּ ער האָט געטון די האַרבסטע עֲבֵירוֹת וועל איך מיר לייגן אויף די לענג און אויף די ברייט אים אַרויס נעמען פון שְׁאוֹל תַּחְתִּית.] - דאָך איז דאָס אויך נאָר אויף עֲבֵירוֹת 'שֶׁבֵּין אָדָם לַמָּקוֹם', אָבער אויף עֲבֵירוֹת 'שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ' - העלפט דאָס אויך נישט ביז דו וועסט יענעם איבערבעטן.

צומאָל קען מען דורך אַ 'לָשׁוֹן הָרָע' שאַטן מאַכן יענעמס 'שְׁלוֹם בַּיִת', יענעמס 'פַּרְנָסָה'; דער מענטש טראַכט 'איך בין נישט שולדיג, איך האָב דאָך עס נאָר געזאָגט פאַר איינעם...', דאָס איז אָבער נישט אַזוי, ווייל 'דער חָבֵר האָט דאָך אויך איין חָבֵר', און דעם חָבֵר'ס חָבֵר זאָגט עס ווייטער נאָר פאַר זיין חָבֵר ביז אַלע ווייסן שוין דערפון.

האָט דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א געזאָגט: דער רבי האָט אונז געגעבן אַ וועג צו לערנען (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו), אַנשטאָט שטיין און רעדן אויף דעם און אויף יענעם - זאָג מִשְׁנָיוֹת; מיר האָבן די וואָך געלערנט אַ מוֹרָא'דיגע גְמָרָא אין תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי (מַסֶּכֶת תַּעֲנִית ג.): "חַד בַּר נַשׁ הֲוָה אִיחְטָא בְּלִישָׁנֵיהּ", עס איז געווען אַ זינדיגע מענטש, ער האָט גערעדט אַסאַך לָשׁוֹן הָרָע, "אֲתָא לְגַבֵּי רַבִּי יוֹחָנָן", איז ער געקומען צו רבי יוֹחָנָן זאָגן ער וויל תְּשׁוּבָה טון, "וְשַׁלְחֵיהּ גַּבֵּי רַבִּי חֲנִינָה", האָט ער אים געשיקט צו רבי חֲנִינָה, "אָמַר לֵיהּ אֵיזִיל תְּהֵי בָּךְ וּלְעֵי בְּאוֹרַיְתָא", האָט רבי חֲנִינָה געזאָגט צו אים: האָב חֲרָטָה און גיי לערן תּוֹרָה, "דִּכְתִיב (מִשְׁלֵי טו, ד) מַרְפֵּא לָשׁוֹן עֵץ חַיִּים". און אַזוי זאָגט אויך דער רבי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לָשׁוֹן הָרָע, סִימָן א): "וְתַקָּנָתוֹ - יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה", לערנען תּוֹרָה איז אַ עֵצָה אויף לָשׁוֹן הָרָע.

לאָמיר נישט פאַרגעסן וואָס אַ 'תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' איז; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פלעגט זיך שטענדיג באַרימען: "ווי אַזוי זעט מען אויף איינעם צי ער איז אַ 'תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ'? אויב ער דרייט זיך מיט אַ קליינע מִשְׁנָיוֹת'ל אין טאַש, און ווען ער האָט

אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט, כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק - דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ 'תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ'".

נֵייעֶ מְקוּרָבִים ווִילְן אַלְץ ווִיסְן 'וֶוער זֶענֶען דִי נָאנְטֶע תַּלְמִידִים, וֶוער זֶענֶען דִי וַוייטֶע תַּלְמִידִים' וְכוּ', - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אוֹיבּ הַאלְטְסְטוּ אַ מִשְׁנָיוֹתְ'ל אִין דִי הַאנְט בִּיסְטוּ דֶער נָאנְטְסְטֶער תַּלְמִיד, וַוייל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה דָאס הַאלְט דִיר פַאר אַ 'תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ'.

נִישְׁט דֶער וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי פִּיס, וֶוער עֶס שְׁפַּאצִירְט 'נֶעבְּן' דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶער אִיז אַ נָאנְטֶער תַּלְמִיד; אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן דֶעם הַקְדָּמָה, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דִי וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ מִיט מוֹהֲרָא"שׁ דִי זֶענֶען דִי עֶכְטֶע תַּלְמִידִים, לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי מוֹהֲרָא"שְׁ'ס דְרֵייְוֶוער מַאכְט לֵיצֵי לֵיצָנוּת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, הָאבּ אִיךְ אַייְנְגֶעזֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם דֶעם צַדִּיק אִיז אַ תַּלְמִיד, עֶס קֶען גָאר זַיין פּוּנְקְט פַאְרְקֶערְט...

אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן; עֶפְּן אוֹיף אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן לֶערְן ווִיפִיל דוּ קֶענְסְט, גֵיי אַבִּיסְל אַרוֹיס אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר שָׁלוֹם בַּיִת".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען; אִיבֶּעְרָאל רֶעדְט מֶען פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען, פוּן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן לֶערְנֶען, אָבֶּער ווִי אַזוֹי קֶען 'אִיךְ' לֶערְנֶען, אִיךְ בִּין דָאךְ פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין פַּרְנָסָה וָואס זָאל אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ דֶען אוֹיפְגֶעבְּן מַיין פַּרְנָסָה כְּדֵי צוּ לֶערְנֶען? - אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט: דַארְפְּסְט גָארְנִישְׁט אַוֶועק לֵייגְן אִין דִי זַייט, בּוֹי וַוייטֶער אוֹיף דַיין בִּיזְנֶעס, נָאר אַנְשְׁטָאט פַארְבְּרֶענֶען דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, קוּקְן נָאכְאַמָאל אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן וְכוּ' - זֶע אַרַיין צוּ כַאפְּן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

דָאס אִיז דֶער חִידוּשׁ פוּן אַ 'תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ'; ווִילַאנְג מֶען אִיז נָאךְ אַ בָּחוּר, מֶען זִיצְט אִין יְשִׁיבָה קוּמְט מֶען אָן צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן מַסֶּכְתּוֹת, אָבֶּער אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג צוּ שַׁאפְן פַּרְנָסָה, עֶר דַארְף טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען זַיין וַוייבּ, עֶר אִיז דֶער קַאר סֶערְווִיס דְרֵייְוֶוער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה עֶר מוּז נֶעמֶען דִי שְׁוִויגֶער אַהֶער אוּן אַהִין, וואוּ הָאט עֶר דִי צַייט צוּ עֶנְדִיגְן אַזוֹיפִיל לִימוּדִים, דָאךְ הַאלְטְן אִינְגֶעלַייט אִין אֵיין שִׁיקְן מֶעלְדוּנְגֶען: 'סִיַּמְתִּי...', 'סִיַּמְתִּי...', 'סִיַּמְתִּי...'; אַז מֶען נֶעמְט מִיט אַ גְמָרָא אוּן אַ מִשְׁנָיוֹתְ'ל אִין קַאר קֶען מֶען אַרַיין כַאפְּן גָאר אַסַאךְ, מֶען טְרֶעפְט שׁוֹין צַייט דָא אוּן דָארְט פַאר אַ דַף גְמָרָא, פַאר אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶערוּפְן אַ בָּחוּר אוּן זָאגְט אוֹיף אִים: אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם בָּחוּר. אַ נֵייעֶר בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען, אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער בָּחוּר, אַ בָּחוּר וֶועם מֶען הָאט אַסַאךְ גֶעפַּיינִיגְט, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "דוּ קֶענְסְט קוּמֶען דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זְמַן אִין יְשִׁיבָה, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ שְׁנַת תשפ"א", הוֹיבְּט דֶער בָּחוּר אָן צוּ וֵויינֶען: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין וְכוּ'", הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים זָאל אָנְגְרֵייטְן אַ בֶּעט פַאר אִים. אִיז גֶעקוּמֶען אַ בָּחוּר - פוּן אִינְדְרוֹיסְן קוּקְט עֶר אוֹיס ווִי אַ וואוּילֶער בָּחוּר, אַ בַּא'טַעֲמְ'טֶער, דוּ וָואלְסְט אִים אֲפִילוּ גֶעוָואלְט נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם... - אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוֹיף יֶענֶעם בָּחוּר: "בְּרֶענְג מִיר נִישְׁט דֶעם ... נֶעבְּן מִיר וְכוּ'", אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן דֶעם בָּחוּר, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן אוּן אִים פַארְשֶׁעמְט. דֶער בָּחוּר (וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶערוּפְן) הָאט מוֹחֶה גֶעוֶוען אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט שְׁטַארְקַייט: "דֶער בָּחוּר קוּמְט שְׁלָאפְן נֶעבְּן מִיר"!; אוּן עֶר הָאט אִים גֶעהָאלְפְן זִיךְ מְסַדֵּר זַיין וְכוּ'. הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: "מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער בָּחוּר גֵייט גָארְנִישְׁט אָן, עֶר פַארְשְׁטֵייט זֵייעֶר גוּט אַן עֵסֶק, עֶר אִיז אַ מְסוּדָרְ'דִיגֶער בָּחוּר, אָבֶּער דָאס הֵייסְט אַ גוּטֶער בָּחוּר, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַ צְוֵייטְן נִישְׁט אִים מְצַעֵר זַיין.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פִּירְט אוֹיס: דָאס אִיז דֶער עֲבוֹדָה פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל - אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵייטְן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין צוּגֶעזֶען בַּיי דֶעם בָּחוּר עֶטְלִיכֶע מָאל אַז עֶר גֶעבְּט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, אַזַא בָּחוּר קֶען רוּאִיג גֵיין צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי וֶועט נֶעמֶען זַיין גַאנְצְן פֶּעקְל וָואס עֶר הָאט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים מְתַקֵּן זַיין, וַוייל בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אִיז עֶר זוֹיבֶּער.

אִיךְ מֵיין נִישְׁט יֶעצְט אִים צוּ רִימֶען, נָאר אִיךְ ווִיל מִיט דֶעם אוֹיפְמֶערְקְן דִי אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים, מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן מִיט אַנְדֶערֶע.

זוּךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין קַיין מִצְוֹת פוּן 'מְסַדֵּר זַיין אַנְדֶערֶע...'; אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער זָאגְט דִיר אִין נָאמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט אִים דַארְף מֶען אַרוֹיס טְרָאגְן" - זַיי דוּ עֶס נִישְׁט מְקַיֵּים, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען עֶס אַלֵיינְס מְקַיֵּים זַיין. אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער זָאגְט דִיר: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט אִים דַארְף מֶען שְׁלָאגְן" - זַיי דוּ עֶס נִישְׁט מְקַיֵּים, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען עֶס אַלֵיינְס מְקַיֵּים זַיין; אִיךְ זוּךְ נִישְׁט דִי סָארְט מִצְוֹת פוּן טְשֶׁעפֶּען, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין בְּלוּט אִין מַיין הַאנְט; דִי מִצְוָה פוּן 'שֵׁגֶץ אַרוֹיס...' - דָאס לָאז אִיבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן גֶעזָאגְט: בַּיים רֶבִּי'ן אִיז 'שָׁלוֹם בַּיִת' גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט דֶערְפוּן, אוּן אוּנְז זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִי וַוייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד); אַז דוּ בִּיסְט מְצַעֵר דַיין וַוייבּ, דוּ טְשֶׁעפֶּעסְט אִיר וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, דוּ דַארְפְסְט אִיר אִיבֶּער בֶּעטְן; קֶענְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט אַ וַוייבּ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "אָמַר רַב לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין וַוייבּ אִיר נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען, "שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה", וַוייל אַ פְרוֹי וֵויינְט שְׁנֶעלֶער ווִי אַ מַאן, אוּן אַז מֶען אִיז אִיר מְצַעֵר אוּן זִי וֵויינְט בַּאקוּמְט מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

אַז דִי וַוייבּ אִיז אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן אִיר אַרְבֶּעט אִינְדֶערְהֵיים, זִי וֵויינְט: "קוּם שׁוֹין אַהֵיים", פַארְוָואס טְשֶׁעפֶּעסְטוּ אִיר: "שׁוֹין ווִידֶער וֵויינְסְטוּ ווִי אַ קְלֵיין קִינְד..."; אַז דַיין וַוייבּ וַוארְט אוֹיף דִיר, גֵיי אַהֵיים. בְּלַייבּ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט חֲבֵרִים; עֶר אִיז נָאר דַיין חַבֵר ווִילַאנְג עֶס קוּמְט אִים אוֹיס גוּט, דֶער מִינוּט - בֶּעסֶער גֶעזָאגְט 'דֶער רֶגַע' - וָואס דוּ קוּמְסְט אִים שׁוֹין נִישְׁט צוּנִיץ קֶען עֶר דִיךְ שׁוֹין נִישְׁט, אוּן עֶר וֶועט דִיךְ נָאךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער בַּאגְרָאבְן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער אוּן בֶּעט זִיךְ: אִין דִי צַייט וָואס דוּ פַארְבְּרֶענְגְסְט מִיט דֶעם חַבֵר וָואלְסְטוּ דָאךְ גֶעקֶענְט זַיין אִינְדֶערְהֵיים פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ בָּחוּר, אִין דִי צַייט וָואס דוּ פַארְבְּרֶענְגְסְט מִיט חֲבֵרִים קֶענְסְטוּ הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע מַאמֶע, אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין גֶעזֶען אוּן גֶעלֶערְנְט אוֹיף מַיין בָּארְד, אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, אוֹיבּ הָאט עֶר אַ חַבֵר - אִיז דָאס דִי וַוייבּ". אַוַודַאי דַארְף מֶען הָאבְּן אַ חַבֵר מִיט וֶועם מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער בַּיינַאכְט דַארְף מֶען זַיין אִינְדֶערְהֵיים, וָואס זוּכְט

## אַ אִינְגֶערְמַאן בַּיְינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ?!

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פִּיל שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אָבֶער פוּן דֶעם סִיפּוּר קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן. וֶוען רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל מוֹהֲרָא"שׁ הָאט ר' לֵוִי יִצְחָק זַ"ל גֶעזֶען אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶר וֶועט קֶענֶען אִיבֶּער גֶעבְן דֶעם רֶבִּי'נְ'ס זַאךְ אוֹיף וַוייטֶער, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזֶען אוֹיף ר' לֵוִי יִצְחָק זַ"ל אַז עֶר אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער פוּן וֶועם מֶען קֶען מְקַבֵּל זַיין, הָאבְן זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט אַ גַאנְצְן טָאג, פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיְינַאכְט, ר' לֵוִי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פִּילְצָאלִיגֶע שִׂיחוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן ר' נָתָן אוּן פוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, [מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס אַלֶעס שְׁפֶּעטֶער אַרָאפְּ גֶעשְׁרִיבְן אִין זַיינֶע סְפָרִים], הָאט מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט הָאט עֶר אַהֵיים בַּאגְלֵייט ר' לֵוִי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְן זֵיי וַוייטֶער גֶעשְׁמוּעֶסְט שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם טִיר הָאט ר' לֵוִי יִצְחָק זַ"ל זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ: "אַ גוּטֶע נַאכְט! אִיךְ דַארְף גֵיין שְׁלָאפְן, מָארְגְן וֶועלְן מִיר וַוייטֶער רֶעדְן"...

פְרֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: וָואס הֵייסְט 'אַ גוּטֶע נַאכְט', וִוי קֶען מֶען מַפְסִיק אִינְמִיטְן אַזֶעלְכֶע וִויכְטִיגֶע שִׂיחוֹת וָואס ר' לֵוִי יִצְחָק זַ"ל הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ, דֶער 'מָאוֹר הַקָּטָן' הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיטְ'ן 'מָאוֹר הַגָּדוֹל'... צְוֵויי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן וָואלְטְן גֶעדַארְפְט בְּלַייבְן שְׁמוּעֶסְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט? אָבֶער ר' לֵוִי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "אַ גוּטֶע נַאכְט", מָארְגְן אִיז אוֹיךְ אַ טָאג, מֶען דַארְף אַהֵיים גֵיין. דָאס דַארְף אַ אִינְגֶערְמַאן גֶעדֶענְקְן: "אַ גוּטֶע נַאכְט", בַּיְינַאכְט בִּין אִיךְ אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: אֲפִילוּ דִי מְפִיצִים וָואס לֵייגְן אַרוּם גִלְיוֹנוֹת אִין דִי שׁוּלְן, זָאלְן נִישְׁט זָאגְן 'נָאר בַּיְינַאכְט קֶען מֶען מֵפִיץ זַיין', אוּן אַז דוּ זוּכְסְט אַ טוּנְקֶעלֶע שׁוּל שְׁטֵיי עֶנְדֶערְשׁ אוֹיף פַּארְטָאגְס. אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף זַיין בַּיְינַאכְט אִינְדֶערְהֵיים, הֶעלְפְן זַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער; מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אַ עֶלְטֶערֶע פָּאר-פָּאלְק וָואס דִי פְרוֹי קֶען זִיךְ שׁוֹין אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְן מִיט דִי קִינדערלעך, אוּן דִי גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער הֶעלְפְן אוֹיךְ אַרוֹיס, אָבֶער דוּ הָאסְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער - גֵיי אַהֵיים הֶעלְפְן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ. אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁרֵייעֶן: "נוּ, וִוי לַאנְג נֶעמְט זִיךְ צוּ מַאכְן גְרֵייט...?"; הֶעלְף דַיין וַוייבּ, וֶועט זִי זִיךְ קֶענֶען גְרֵייט מַאכְן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן זַיין וַוייבּ, אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר, הָאבּ אִיךְ שָׁלוֹם גֶעמַאכְט אוּן זֵיי צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט, אָבֶער אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן בְּשָׁלוֹם הָאבְן זֵיי זִיךְ וִוידֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַדוֹרְךְ קוּמֶען צְוִוישְׁן זִיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט צוּם אִינְגֶערְמַאן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ מִיר, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף זֵיי צוּ הֶעלְפְן, אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעעֶפֶענְט דֶעם טִיר, אִיז עֶר גֶעוָוארְן פוּל מִיט טַעֲנוֹת אוֹיף מִיר: "הַיִּתָּכֵן מֶען עֶפֶענְט מִיר נִישְׁט דֶעם טִיר...", עֶר הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַן 'הַזְמָנָה צוּ דִין תּוֹרָה' הַיִּתָּכֵן אִיךְ עֶפְן אִים נִישְׁט דֶעם טִיר... דֶערְצֵיילְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע טַעֲנוֹת: עֶר וֵויינְט: "אִיךְ קוּם אַהֵיים פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס פוּן שׁוּל אוּן מַיין וַוייבּ זִיצְט נָאךְ אוֹיפְ'ן זֶעלְבְן פְּלַאץ וואוּ זִי אִיז גֶעזֶעסְן פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ בִּין אַרוֹיס צוּ דִי אַרְבֶּעט, נִישְׁט גֶעצִינְדְן קַיין לִיכְט, נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט דֶעם טִישְׁטוּךְ...; פְרֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: "וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען גַאנְץ פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג?! קוּם אַהֵיים אוּן הֶעלְף אִיר אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת, אוּן גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶועט זִי הָאבְן כֹּחַ אָנְצוּגְרֵייטְן. בִּכְלָל דַארְף אַ פְרוֹי נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן דֶעם טִישְׁטוּךְ, מֶען פִירְט זִיךְ אַז דֶער מַאן גְרֵייט אַלֵיינְס אָן דֶעם טִישְׁטוּךְ אוּן דִי לִיכְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (דַּרְכֵי חַיִּים הֶחָדָשׁ עָמוּד פג, הֶעָרָה קכז) אָפְּבְּרֶענֶען דִי לִיכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת אִיז אַ תִּיקּוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית; אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְמַאנְט דֶעם בְּרִיוו וואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' (פַּרְשַׁת דְּבָרִים שְׁנַת תש"פ) "וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ שְׁלָאפְט דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת?"; - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְן. אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן עֶטְלִיכֶע תַּלְמִידִים: "דוּ לֶערְנְסְט עֲצָתוֹ אֱמוּנָה?" "דוּ לֶערְנְסְט דִי בְּרִיוו?" אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ רֶעדְן פְּרִיוַואט מִיט מֶענְטְשְׁן; אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט וָואס לִיגְט אוֹיף מִיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאכְן צַייט צוּ רֶעדְן פֶּערְזֶענְלִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם. אִיךְ שְׁרַייבּ יֶעדֶע וָואךְ מִיטְ'ן הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע קוּנְטְרֵס פוּן שֵׁיינֶע בְּרִיוו, דָארְט קֶענְסְטוּ זֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; אַלֶעס שְׁטֵייט אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ וַוארְפְן דֶעם שׁוּלְד אוֹיף דִי וַוייבּ, דַיין וַוייבּ קוּמְט דִיר גָארְנִישְׁט, הֶעלְף אִיר אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת. דוּ קֶענְסְט פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס נָאךְ דִי סְעוּדָה אָנְגְרֵייטְן אַלֶעס פַאר מָארְגְן; גְלַייךְ נָאךְ דִי סְעוּדָה גְרֵייט אָן דִי חַלּוֹת, זַאלְץ, בְּשָׂמִים, בֶּעכֶער, זְמִירוֹת וְכוּ'.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: אַ אִינְגֶערְמַאן קֶען נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען בָּחוּרִים עֶסְן אָדֶער שְׁלָאפְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים. אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס נֶעמְט אַרַיין אַ בָּחוּר בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ - שְׁמֶעקְט דָאס נִישְׁט גוּט... עֶס אִיז אַן עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ, אַז דוּ הָאסְט רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם בָּחוּר, עֶר הָאט נִישְׁט וואוּ אַיינְצוּשְׁטֵיין, הֶעלְף אִים זוּכְן אַ דִירָה אָדֶער אַ בֶּעיסְמֶענְט, אָבֶער בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים - דָאס נִישְׁט, דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן; דִי זֶעלְבֶּע קֶען מֶען נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען נאך אַ קָאפְּל בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, אַוַודַאי אִיז אַמָאל דָא אַן אוֹיסְנַאם וָואס מֶען קֶען יָא אַרַיין נֶעמֶען, אָבֶער אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף פְרֶעגְן זַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן: אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם וָואס אַ בָּחוּר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אוֹיף דִיר: 'אִיךְ מוּטְשֶׁע שְׁטַארְק דֶעם אִינְגֶערְמַאן אִיךְ וִויל עֶסְן אַ סְעוּדָה בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים אוּן עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוֹיס פוּן מִיר', - דָאס וַוייזְט אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְן שֵׂכֶל נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען בָּחוּרִים בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים; מַיין שְׁטוּבּ אִיז גֶעמַאכְט פַאר מִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ, נִישְׁט פַאר פְרֶעמְדֶע, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף דִי שְׁטוּבּ.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: דָאס אִיז חוֹדֶשׁ אֱלוּל: רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, צוּ טַאטֶע מַאמֶע; אַז דִי וַוייבּ אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט זִי וִויל פוּן גָארְנִישְׁט הֶערְן דַאן וֶועל אִיךְ אַלֵיין אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדָה.

אַזוֹי קֶענֶען מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן, אִיךְ בִּין זוֹיבֶּער 'בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ', אִיךְ בִּין נִישְׁט צְוִוישְׁן דִי שֵׁדִים וָואס זֵייעֶר זַאךְ אִיז טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן. מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג דַארְף זַיין אוּנְזֶער גַאנְצֶע חַיּוּת וואוּ נָאךְ מֶען קֶען הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט זַיין אוֹיף דִי בֶּערְג פוּן דִי שֵׁדִים נָאר זַיין וִוי דֶער חָכָם אוֹיף דִי בֶּערְג, וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער אַז נֶעבְן דִי בֶּערְג פוּן דִי שֵׁדִים הָאט אוֹיךְ גֶעוואוֹינְט אַ חָכָם - אַ צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג' - חֵלֶק ז'

(פָארְגֶעלֶערְנְט שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה תש"פ לִפְרָט קָטָן)